# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## זה השלחן אשר לפני ה'

### עסן בקדושה

**נאכן** עסן ווען א מענטש איז שוין זאט האט ער מער נישט קיין תאוה צו עסן, דאס איז אבער נאר גילטיג ביי די פשוטי עם וואס זייער תכלית פון עסן איז בלויז זאט צו ווערן פון די עסן וואס זיי האבן ליב און זיי גלוסטן דערצו, אבער דער ערליכער איד וואס דינט השם יתברך מיט אלע זיינע וועגן, זיין תכלית פון עסן איז בלויז צו קענען דינען השם יתברך מיט פרישע כוחות, אפילו ווען ער עסט געשמאקע עסן פארמערט ער אויף זיין נפש מער קדושה מיט טהרה, ווייל ווען ער עסט האט ער אינזין מעלה צו זיין די ניצוצות פון דעם מאכל וואס האבן א שייכות צו זיין נשמה, דעריבער וויבאלד ער עסט בקדושה ובטהרה מיט די כוונה פארמערט ער אויף זיך מער קדושה פון די נצוצות וואס עס ליגט אין דעם מאכל אזויוי עס ווערט פארמערט מער קדושה דורכ'ן לערנען תורה, דעריבער פונקט ווי ביים לערנען גלוסט מען שטענדיג צו לערנען נאך און נאך תורה מען ווערט קיינמאל נישט זאט, אזוי אויך גלוסט דער ערליכער איד נאכן עסן און טרינקען בקדושה ובטהרה נאך צו עסן, ווייל זיין נפש ווערט נישט אנגעפולט און ווערט נישט זאט פון צו פארמערן מער קדושה וואס מען קען קונה זיין פון מעלה זיין די נצוצות פון דעם מאכל.

**דברי יואל ח"ז קעח**

**עס** ווערט דערציילט אז מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע ווען ער איז געווען אין טברי' האט מען אים געבעטן צו גיין באזוכן דארט א ישיבה, און מען האט אים געוויזן אז די קאך און די עס-זאל זענען אויבן אויפן שטאק העכערן בית המדרש. האט דער ראש ישיבה געזאגט בדרך צחות אז די סיבה איז כדי צו לערנען די בחורי הישיבה אז עסן בקדושה איז א העכערע עבודה פון לערנען תורה.

**האט** אים מרן הגה"ק מסאטמאר זי"ע געענטפערט: לויט דעם קען מען פארשטיין די מאמר חז"ל 'אֵין מְסִיחִין בִּסְעוּדָה', אז מען טאר נישט רעדן בשעת מען עסט, ווייל מיר האבן מורא 'שֶׁמָּא יַקְדִּים קָנֶה לְוֶשֶׁט', אז דאס קען ברענגען צו א געפאר אז דאס עסן זאל אריינגיין אין לופט-רער אנשטאט צו גיין אינעם וושט, דער שפייז-רער. די כוונה איז אזוי, דורכ'ן קָנֶה לערנט מען תורה, מען דאוונט, און כדי מען זאל נישט טראכטן אז נאר די עבודה פון לערנען קען זיין בקדושה, נאר אפילו דאס עסן וואס איז גשמיות קען נאך זיין אפילו מיט מער עבודה אויב מען עסט מיט קדושה, דעריבער זאגן די חז"ל אז מען זאל נישט רעדן אפילו אין לערנען אינמיטן עסן, נאר אכטונג געבן צו עסן מיט קדושה, ווייל צו עסן בקדושה איז א העכערע מדריגה. **שמעתי**

**עסן** בקדושה ובטהרה מיט די כוונה פארמערט ער אויף זיך מער קדושה פון די נצוצות וואס עס ליגט אין דעם מאכל אזויוי עס ווערט פארמערט מער קדושה דורכ'ן לערנען תורה.

**עס** ווערט דערציילט אז איינע פון די תלמידים פון הגה"ק בעל מאיר נתיבים זי"ע, א גרויסער יראת שמים וועלכע האט זיך געפירט מיט חסידות און געטיילט צדקה לויט זיין פארמעגן, אבער ער האט ליידער מיטגעמאכט שרעקליכע צער גידול בנים, ער האט נישט זוכה געווען אז זיינע קינדער זאלן בלייבן לעבן, אלע זענען אוועק פון דער וועלט ווען זיי זענען נאך געווען קליינע קינדער. ער האט אויסגעפרואווט אלע רפואות, סגולות, קמיעות, און ליידער האט גארנישט געהאלפן, ער

איז געווען שרעקליך דערביטערט, האט ער זיך מיישב געווען צו פארן צו זיין הייליגן רבי'ן דער בעל מאיר נתיבים זי"ע זיך אויסצובעטן א ישועה.

**ווען** ער איז אנגעקומען האט אים זיין רבי תיכף געפרעגט: פארוואס איז דיין פנים אזוי שרעקליך דערביטערט, וואס האט מיט דיר פאסירט. האט דער תלמיד געזאגט: אדוני מורי ורבי וואס זאל איך פארן רבי'ן דערציילן מיין גרויס ווייטאג, מיין שלעכטן מזל, וואס פאסירט נישט פאר קיינעם, דער רבי ווייסט אז איך שוין ליידער געהאט עטליכע קליינע קינדער, אבער קיינער פון זיי האבן נישט דערלעבט קיין אכט גאנצע טעג, זיי שטארבן איינס נאכן אנדערן, איך ווייס נישט וואס צו טוען, איך מיט מיין ווייב האלטן שוין מער נישט אויס דעם צער, היינט בין איך געקומען צום רבי'ן אז דער רבי זאל פאר אונז בעטן ביי השם יתברך רחמנות, דער רבי זאל מיר געבן א גוטע עצה, א רפואה אז מיינע קומענדיגע קינדער זאלן שוין בלייבן לעבן, איך זאל שוין דאס מער קיינמאל נישט מיטמאכן.

**דעמאלטס** האט אים דער בעל מאיר נתיבים זי"ע אנגעהויבן אויסצופרעגן איינצלהייטן און פרטים איבער זיין סדר היום צו קענען דערגיין פארוואס ער מאכט ליידער מיט אזויפיל שרעקליכע צרות.

**דער** תלמיד הייבט אן אויסצורעכענען זיין אויפפירונג פון זיין פריוואטן לעבן, ווי אזוי ער גוט שטארק אכטונג און איז מדקדק אויף יעדע קלייניקייט, ער דערציילט ווי אזוי ער פירט זיך אויף אין בית המדרש, ביים דאווענען, ביים לערנען, ווי אזוי ער איז מדקדק מקיים צו זיין אלע מצות ה׳, דער בעל מאיר נתיבים הערט אלעס אויס און זעהט אז אלעס זעהט אויס צו זיין זייער גוט, ער איז באמת א ירא שמים, אן ערליכע איד, אלעס טוט ער לשם שמים, ער פירט זיך אויף געוויי ווי אלע ערליכע אידן פירן זיך.

**דער** בעל מאיר נתיבים בלייבט זיצן פארטראכט און פארוואונדערט איבער א שעה צייט, פרובירנדיג צו דערגיין דעם אמת וואס קען זיין דער גורם אויף אזעלכע צרות, און בעיקר אז אויב אלעס זעהט אויס צו זיין גוט, פארוואס קומען פון הימל פאר אים אזעלעכע ביטערע שטראפן פון הימל.

**נאך** א שעה צייט וואס ער איז געווען אזוי שטארק פארטראכט אין דעם ענין, און דער תלמיד איז אויך דארט מיטגעזעצן מיט א ציטער און שרעק ווארטנדיג און האפנדיג אויף אן ענטפער, רופט זיך אן דער בעל מאיר נתיבים זי"ע צו אים: זאג מיר נאר ווי אזוי איז דיין התנהגות בשעת'ן עסן און בשעת'ן בענטשן, האט דער תלמיד געזאגט: דער רבי מעג וויסן אז עס קען זיך מאכן זומער צייט ווען עס איז שטארק הייס און איך קען נישט אויסהאלטן די גרויסע היצן, קען איך אויסטוען מיינע מלבושים כדי זיך אביסל אפקילן און אזוי עסן, און ווען עס קומט צום בענטשן מאכט זיך אויך אמאל אז איך בענטש אזוי אן די מלבושים.

**אזויוי** דער בעל מאיר נתיבים האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן: יעצט ווייס איך שוין די סיבה פארוואס די קינדער בלייבן נישט לעבן, ווייל די פירסט זיך אזוי אויף בשעת די סעודה קען דאס ליידער ברענגען צו אזעלכע שטראפן, דעריבער הער זיך יעצט אויס צו מיין עצה, זיי מקבל אז פון היינט און ווייטער וועסטו מער קיינמאל זיך נישט אויפירן ביים עסן אזוי, נאר שטענדיג ווען דו וועסט זיך זעצן צום טיש עסן, זאל דאס זיין מיט דרך ארץ, זאלסט זיין אנגעטאן מיט אלע דיינע אויבערשטע בגדים, און דו זאלסט בענטשן אנגעטוען מיט אלע דיינע מלבושים, מיט א מורא און ציטער פון השם יתברך, ווייל דער טיש איז א הייליגע זאך, זה השלחן אשר לפני ה׳.

**אזוי** איז געווען, דער תלמיד האט זיך מקבל געווען צו פאלגן זיין רבי'ן מיט אלעס וואס ער האט אים באפוילן, און השם יתברך האט אים געהאלפן מיט לעבעדיגע אינגלעך, און ער האט זוכה געווען זיי מגדל צו זיין און צו זעהן דורות ישרים ומברכים.

**תולדות בעל מאיר נתיבים**